לעצטער נומער פון צענטן יאָרגאַנג

# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און ארגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א"ג פרידנזאָן

ב"ה, לאָדזש־קראָקע־וואַרשע. | נומער 107 | צענטער יאָרגאַנג | אלול תרצ"ג

**תוכן:** נאָך די „בית־יעקב" קאָנפערענצן — א"ג פרידנזאָן. שופר־קלאַנגען (ליד) — אליעזר שינדלער. אַ וואָרט צו דער דיעקוסיע — שרה שענירער. רעליגיע און ווירטשאַפט — ד"ר יוסף קאַרלעבאַך. אויף די זינד וואָס כ׳האָב געזינדיקט — העשיל קלעפפיש. ס׳איז מיר צוגעפאַלן די נאַכט — אלימלך שטייער. איינע אַ נאַכט — שמואל נאַדלער. וועלטן גייען אויף, וועלטן גייען אונטער — שמואל פליסקין. בטחון — ז. שאַכנאָוויטש. אויף דער שוועל פון עלפטן יאָר — *** באַריכטן פון בית־יעקב קאָנפערענצן און פגישות פון „בנות". קאָרעספּאָנדענציעס און מודעות.

# נאָך די בית־יעקב קאָנפערענצן

## א׳

**אויף** אונדזערע בית־יעקב בלעטער האָבן מיר נישט איין מאָל מעורר געווען וועגן דער נייטיקייט צו פאַרשטאַרקן דעם צונויפבונד פון אונדזער צענטראַלער הנהלה מיט די סניפים פון דער פּראָווינץ; מיר האָבן תמיד אָנגעוויזן דערויף, אַז ביי אַן אָפּטערן צוזאַמענטרעפן זיך פון עסקנים און לערערשאַפט און בראש די צענטראַלע טוערס, וועלן אַ גאַנץ סך פון די אָנגעווייטיקטע פראַגן פון אונדזער שול־באַוועגונג ווערן פאַרענטפערט. דאָס דורכשמועסן זיך אין די היימישע שול־ענינים האָט זייער אַ סך צו זאָגן און קען אַ סך העלפן אונדזער אַרבעט בכלל. דאָס האָבן אַלע פאַרשטאַנען און אומיטום האָט מען געהאָפט אויף דעם טאָג ווען דאָס וועט געשען.

די צענטראַלע „בית־יעקב" אין קראָקע איז דעריבער האַרים באַגריסט געוואָרן, ווען זי האָט אָנגעזאָגט די אַכט בית־יעקב קאָנפערענצן אויף אַ משך פון צוויי וואָכן צייט. מע קען אפשר האָבן טענות אויף דעם צו געבן טעמפּאָ פון די קאָנפערענצן, אָבער דאָ קאָנען די פאַרשטייער פון דער צענטראַלע וועלכע האָבן זיך געלאָזט אויף אַ נע־ונד־וועג צוויי וואָכן צייט, האָבן צו אונדז אַ פיל שטאַרקערע טענה! אַזוי צו אַרבעטן טעג און נעכט מיט אַן אָפּרו־הפסק בלויז אויף די באַנען, דאַרף נאָר גילטן אַלס מוסטער פאַר אַלע אונדזערע עסקנים, וואָס דער רוב פון זיי מיינען, אַז מע קען גרינג צוקומען צו אַלע אין דער וועלט. די כוונה איז געווען מיטאַמאָל צו באַקומען אַ שלימותדיק בילד פון אונדזער שול־באַוועגונג אין גאַנצן לאַנד, אויפנעמען די שטימונגען פון אומיטום און צוהערן זיך צו די מיינונגען און פאָרלאַנגען פון יעדן אָרט.

די קאָנפערענצן האָבן אויך דאָס מאָל געהאַט אַ ניי פּנים און אָריגינעלן אופן: ס׳זענען נישט געהערט געוואָרן די סטערעאָטיפּישע ברכות, ס׳זענען נישט געווען קיין וואַלן אויף פּרעזידיומס און קאָמיסיעס, און ס׳זענען אפילו נישט אָנגענומען געוואָרן קיין החלטות. דער גאַנצער קלאַפּער־געצייג פון קאָנפערענץ לשם קאָנפערענץ איז געשטעלט געוואָרן אין אַ זייט און דאָך, קען מען זיין זיכער, אַז די פּשוטע האַרציקע אויסשמועסן וועלן אונדז האָבן אַ סך געגעבן.

דאָס געגנזייטיקע אויסשמועסן זיך האָט געגנזייטיק **געלערנט** און דאָס געגנזייטיקע לערנען זיך האָט געגנזייטיק **אויפגעקלערט** אַ גאַנצע ריי פון פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען אין דער בית־יעקב וועלט. די דריי פאַקטאָרן אין דער באַוועגונג: די צענטראַלע, די פּאַרוואַלטונגען, די לערערשאַפט, וועלן מהיום והלאה זיך בעסער פאַרשטיין, קענען אַרבעטן פּאַכמענישער און ממילא וועט די אַרבעט בע"ה זיין הצלחהדיקער.

## ב׳

**מיר** טאָרן נישט פאַרלייקענען, אַז נישט איין מאָל טרעפט עס ביי אונדז, דאָס מיר קוקן צופיל **אַרויס** אין דער פרעמד און צו ווייניק קוקן מיר אַריין אינים אייגענעם וועלטל. ס׳זענען פאַראַן צווישן אונדזערע עסקנים אַזעלכע, וואָס מיינען — און זיי מיינען עס זיכער גאַנץ ערלעך — אַז דערמיט, וואָס מיר וועלן אַביסל נאָכגעבן, אַביסל נאָכלאָזן, וועט שוין קומען די גאַנצע ישועה. טרעפט עס דעריבער פאַלן פון אָפּנייגן פון פּרינציפּן, אָוועקגיין פון דער ליניע, אָפּזאָגן זיך פון התחייבותן און מבטל מאַכן אָנגענומענע עיקרים אין בית־יעקב פּראָגראַם.

ארכיון אסופות

דערציילט דירעקטאָר י"ל **אָרלעאַן** פאַקטן ווי אויף איין אָרט האָבן פאַרוואַלטונגען געצוואונגען די לערערין זי זאָל נישט לערנען מיט די קינדער קיין יהדות, אויף אַן אַנדער אָרט זי זאָל נישט לערנען קיין יידישע געשיכטע, ווידער אויף אַן אַנדער אָרט צו לערנען העברעאיש כאָטש מיט דער ספרדישער הברה. עס טרעפן פאַלן פון נישט צו לערנען אין גאַנצן קיין יידיש, נישט דערלאָזן קויפן די קינדער קיין שול־ביכער, נישט צו האָבן קיין איינהייטלעכע ספרים אא"וו.

דאָס „שבת מאַכן פאַר זיך" אַז יעדע איינע פאַרוואַלטונג זאָל טון אַזוי ווי זי פאַרשטייט און ווי איר געפעלט, איז געוואָרן פעסטגעשטעלט אויף אַלע קאָנפערענצן קען נאָר פירן צו חורבה און רואין חלילה פון דער גאַנצער באַוועגונג. די צענטראַלע קעמפט און וועט ווייטער קעמפן פאַר דער אידעאישער, פּראָגראַמאַטישער און פּעדאַגאָגישער **גאַנצקייט** פון רעליגיעזן פרויען־חינוך. דאָס נאָכקומען המון־פּסיכאָזן און גאַס־שטימונגען טאָר נישט האָבן ביי אונדז קיין אָרט. קיין שום פאַרוואַלטונג אין דעם אָדער אין יענעם שטעטל, האָט נישט קיין רעכט צו מאַכן שינויים לויט אייגענעם איינזעען. די צענטראַלע איז די אויטאָריטעט און לויט איר אָנווייז, מוז זיין דער לימוד און די הנהגה פון יעדער שול.

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַלע דעלעגאַטן, די פאַרשטייער פון די


הודפס מתוך הארכיון היהודי

פאַרוואַלטונגען זענען דערין געווען איבערצייגט און גוט איז געווען דאָס אויסטעהנען זיך וועגן די ענינים פון אידעאישער יסוד, איינהייטלעכע ליניע, באַשטימט פּראָגראַם און דיסציפּלין־חוב פון דער בית־יעקב באַוועגונג.

ג׳

צו שאַפן אַ זיכערן און דויערנדן קיום אונדזערע שולן, איז געווען די הויפּט־שאלה אויף די קאָנפערענצן. געווען פאַרשטייער פון שול־פאַרוואַלטונגען, וואָס האָבן געוואָלט זען דאָס איינציקע רעטונג־מיטל אין אַ שכירות־רעדוקציע פון דער לערערשאַפט. צי איז דאָס אָבער טאַקע די איינציקע רפואה? למאי זענען פאַראַן אַ סך ערטער וואו ס׳איז נישט געוואָרן אויסגעצאָלט די לערערן קיין פינף חדשים שכירות אויפן גאַנצן יאָר אַרויס, און אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, אַזוי, דאָס די שול האָט סוף־כל־סוף געטראָפן דער שווערסטער גורל, אַנטגילטיקע ליקווידאַציע! זייער טרעפלעך האָט צו דעם ענין באַמערקט אויף דער לאָדזשער קאָנפערענץ די פאַרשטייערין פון לערערן־פאַרבאַנד: צי דאַרף אַ גאַנצע שטאָט לפחות נישט קענען אויסהאַלטן איין לערערן אָדער איין לערערן דאַרף אויסהאַלטן אַ גאַנצע שטאָט?... די צענטראַלע „בית־יעקב“ באַטראַכט יעדע רעדוקציע־פאָדערונג אינדיווידועל און אויף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך ווערן געמאַכט הנחות, דאָס איז דער בכבודסטער און געזונטסטער אופן פון אָרדענען די רעדוקציע־פראַגע, אָבער אַז ס׳זאָלן פאַרוואַלטונגען לכתחילה אויף דעם בויען זייערע בודזשעטן און מיינען, אַז מיט די לערערנס פאַר געלדן וועלן זיי אַלץ אָפּראַטעווען איז עס אַן־אומזין. מיר מוזן שיצן די לערערשאַפט, ווייל דערמיט שיצן מיר די באַוועגונג, דעם רעליגיעזן פרויען־חינוך. וועלן מיר אָפּלאָזן די מאַטעריעלע שוץ פאַר דער לערערשאַפט, קען חלילה קומען צו אַ קאַטאַסטראָפע, און אונדזער לערערשאַפט קען טרעפן אַזאַ גורל ווי די מלמדים, וואָס זייער שפלדיקער מצב ווייס שוין היינט יעדער צו וואָס ס׳האָט דערפירט.

די קאָנפערענצן האָבן דעריבער אָנגעצייכנט געזונטערע וועגן צו זיכערן דעם קיום פון די שולן: פירן פראָפּאַגאַנדע פאַר אַ קאָמפּלעט תלמידות אין יעדער שול! דער היינטיקער חודש ווערט אויסגערופן אַלס ספּעציעלער אַגיטאַציע־חודש פאַרן בית־יעקב געדאַנק. בכתב און בעל־פה דאַרף געפירט ווערן די פּראָפּאַגאַנדע. שריפטן און בראָשורן וואָס קלערן אויף דאָס חשיבות פון רעליגיעזן חינוך־הבנות דאַרפן אָנשפּאַרן אין יעדער יידישער שטוב. אונדזערע עסקנים אין יעדן אָרט דאַרפן גיין פון שטוב צו שטוב און די קינדער פון רעליגיעזע היימען פשוט אַריינברענגען אין די בית־יעקב שולן און דאָס לעצטע איז טאַקע דער עיקר! דער קאַמף קעגן רעליגיעזע יידן, וואָס געבן נישט אָפּ זייערע קינדער אין „בית־יעקב“ דאַרף אומעטום פאַרשאַרפט ווערן. אַ סיסטעמאַטישע שטוב־אַגיטאַציע קען אַ סך אויפטון און דאָס דאַרף געטון ווערן מיט ענערגיע און געטריישאַפט, און דער נצחון איז אַ פון פריער אויס געזיכערטער.

ד׳

דער אינספּעקציע־פּלאַן פון דער צענטראַלע, האָט אומעטום שטאַרק אויסגענומען. אין דעם אויספירן פון דעם דאָזיקן פּלאַן זעט מען דעם וועג צו אַ רעליגיעזן און פּעדאַגאָגישן אויפשטייג פון אונדזערע שולן. דער ענין פון אינספּעקציע איז אויפגעקלערט געוואָרן. די פּראָווינץ פאַרלאַנגט שטענדיקע אָנגאַזשירטע אינספּעקטאָרן, און דאָס איז לעת־עתה נישט צו דערגרייכן מכמה טעמים. דאַגעגן אַן־איינמאָליקע אינספּעקציע ווי עס זעט פאַר די צענטראַלע דורך לערערנס און אַ שפּעטערע קאָנטראָל דורך דעם פּעדאַגאָגישן ראַט וועט באַשטימט געלונגען און אַ סך נוצן.

אין דער געדאַנק פון קלויבן אַ מוסטער־שול וועט אַ סך ווירקן צום פלייסן און דיסציפּלינירן זיך פון דער לערערשאַפט אין זייער פּעדאַגאָגישער און דערציערישער אַרבעט.

דער פראַגע־בויגן פאַר די אינספּעקטאָרן וואָס נעמט אַרום 108 שאלות, ווען ער וועט ווערן גוט אויסגעפּרואווט און ריכטיק באַענטפערט, וועלן מיר באמת האָבן אַ גאַנץ קלאָר בילד פונים מצב אין אונדזער שול־באַוועגונג, און דעמאָלט וועט די צענטראַלע וויסן וואָס ס׳איז דאָ מתקן צו זיין און אויף וואָסער אופן דאָס זאָל ווערן געטון.

ה׳

וועגן די התחייבותן און דיסציפּלין פון דער לערערשאַפט איז זייער אַ סך גערעדט געוואָרן. פאַר אונדזער גאַנצער באַוועגונג איז דער יסוד דיסציפּלין! אַזוי איז פון אַלע געוואָרן פעסטגעשטעלט. אַז צום קיום און אַנטוויקלען זיך פון אַ בנות־גרופּע אין יעדן אָרט מוז מיטהעלפן אי די לערערן אי די שול־פאַרוואַלטונג. ליידער טרעפן פאַלן, אַז אַ לערערן זאָגט אָפּ די מיטאַרבעט אין „בנות“ און אַזוי־טרעפט אויך, אַז אַ שול־פאַרוואַלטונג וויל גאָר נישט צוהעלפן צום גרינדן פון אַ „בנות“. אַרבעטן בלויז פאַר „בית יעקב“ און נישט באַמיען זיך דערביי, אַז נאָכן פאַרענדיקן די שול זאָלן די קינדער האָבן זייער יוגנט־היים, הייסט געאַרבעט פאַר פרעמדע, און דערפון קומט נאָך אַרויס אַ חילול־השם־אויף די קאָנפערענצן איז קלאָר געוואָרן, אַז ס׳מוז זיין אַ שלימותדיקער חינוך און מע מוז אָפּהיטן אַלע פּרינציפּן און נוצן אַלע מיטלען וואָס פירן דערצו.

א״ג פרידנזאָן

# דער שופר־קלאַנג

קומט דער אלול שאַרף און שטרענג,
מיט זיין שופר־קלאַנג,
און ער וואָרנט: מענטש געדענק,
דער וועג איז גאָר נישט לאַנג!...

מענטש באַרעכן זיך און טראַכט,
אַז באַלד וועט זיין די שעה,
און דער שפּיגל וועט דיר ווייזן,
אַז דיין קאָפּ איז גראָ...

אַז די אויגן זענען טריבע,
מידע, שוואַך און אַלט — — —
קומט דער אלול און ער פרעגט:
„ווייסטו וואו מ׳האַלט“?!...

„צי ווייסטו אַז געוואויגן ווערט
אויף אַ שטרענגער וואָג“?!
הער דעם שופר ווי ער וואָרנט:
„ס׳נענטערט זיך דער טאָג“...

אליעזר שינדלער

# פאַרשפּרייט די לשנה־טובה־קאַרטן פון קרן־הישוב!

עס איז אייער הייליקער חוב אין יעדן אָרט צו פירן אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר די לשנה־טובה־קאַרטן פון קרן־הישוב. לערערנס און בנות־פירערנס! זעט אַז אייערע תלמידות, חברות און אַלע זאָלן זיך באַנוצן מיט די לשנה־טובה־קאַרטן פון קרן־הישוב! אַלע געלטער מוזן אָפּגעשיקט ווערן אויף דער קאָנטע פּ. ק. א. 12465

הארכיון היהודי
ארכיון אסופות



הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 2 מתוך 20

אלימלך שטייער

# ס־איז צוגיפאַלן אויף מיר די נאַכט...

(עלעגיע)

מוקדש להרב הגאון מוהר״ר משה חיים לוי שליט״א לזכר בקרתו בהרי הטאטרא באב תרפ״ט.

א׳

פאַרנאַכט. ס־איז ניין טאָג אין חודש אָב —
טויזנט ניין הונדערט ניין־און־אַכציק יאָר —
צום חורבן.
און נון, בין איך פאַרוואָגלט אין אַ פאַרוואָרפן טאַטרע־דערפל,
וויזשנע־האָג, איז זיין נאָמען, וואָס אין מדינת סלאָוואַקיי,
צווישן ווילד־פרעמדע מענטשן, וואָס גיקומען אַהער זענען די
שעפן לופט, פרישע לופט פון טאַטרע־בערג
און אויסרוען צוריטלטע נערוון פון מאדערנים בבלישן גיטומל...
ווילד־פרעמדע מענטשן אַרום מיר
און ווילד־פרעמדע בערג רייסן זיך אין הימל,
גראָע און גיפרוירינע מיט פאַרנעפּלטע קרוינען.

זיץ איך אַזוי אין דער טיר פון מיין וואוינונג —
אַ דאָרפיש הילצערן הייזל מיט ווילע־אַרטיקע טורימלעך.
דער פאַרנאַכט פאַלט צו — און איך זע די זון פאַרגייט ווי אַ גרויסער
פייערדיקע טפל *
אונטער די אויסגיזילבערטע באַרג־שפיצן — איינגיהילטע אין נעפל.
און דער הימל איז דורכזיכטיק ווייס,
ווי פערדישע פאַרע אין אַ גיפרוירינער גאַס,
ווייס — מיט בלאָליכע שאַרפע קאַרבן אַרום, ווי אַ קרוין,
אַרום מיר — טאָל־אַראָפּ — אַ ווילד־פאַרוואַקסינער פלוין
מיט צעשינדינע בוימער־פּניאַקיס, ווי נאַקיטע שטיקער פלייש פון אַ פגר.

ס־איז פאַרנאַכט —
זיץ איך אַזוי און טראַכט:
נון, בין איך אַ גלותדיקער ייד,
אַ זון פון אייביקן גלות־פאָלק,
פאַרבלאָנדזשיט אין אַ וויסטן העק,
איינער אַליין אויף אַ פרעמדן יריד...
אין אַ טאַטרע דערפל, טויזנט מעטער די הויך
איבערן פלאַך פון ים...
ווי גרויס־שטעטישע בעל־גופניקיס קומען שעפּן לופט און כוח
און טוריסטן לעבּ־ייִנגין קומען אַזוי סתם
אַ לעב־טון אַ גוטן טאָג...

און דאָרט ווייט־ווייט אין אַלע עקן גלות
זיצן איצטער יידן מיט באָרוויסע פוס
אויף איבערגיקערטע בענקלעך מיט פנימער איינגיפאַלן און וויסט
און טרויערן זייער טרויער און קלאָגן זייער גיקלאָג
„ווי אַזוי איז גיבליבן זיצן אַליין די שטאָט פול מיט פאָלק"...

אַמאָל —
פאַר טויזנט ניין הונדערט ניין־און־אַכציק יאָר,
האָבן צעווילדעוויטע פראים חרוב גימאַכט מיין היים,
און אַצינדערט —
נאָך אַזויפיל דורות און יאָר־הונדערטן
זיץ איך, אַ פאַרבלאָנדזשיטער זון פונים פאָלק ישראל,
און דער ווייטיק ברענט אין מיין ברוסט
און הויערט אויף מיין האַרץ מיט שווערע באַשטיוולטע פיס,
ווי אַ פריש צאַפלדיק אומגליק פון נעכטן...
און אין מיין נשמה האָט זיך דאָס אייביקע קלאָג־ליד צעבּרימט,
„ווי אַזוי איז גיבליבן זיצן אַליין"... — — —
און ווער וועט דאָס פאַרשטיין?..

מיין ווייטיק, דעם בּראָך פון מיין נשמה —
איך, אַ ווילד־פרעמדער, אַ זון פון אַ פאָלק, וואָס האָט אַלץ פאַרלוירן,
וואָס פלאָנטערט זיך אַזוי צווישן פרעמדע פוס,
און פרעמדע בערג קוקן אויף מיר גראָ און גיפרוירן...
אפשר — יענע הויכע גוים מיט מגושמדיק־צעפלאַטשטע פּרצוף־פּנימער,
מיט שפּיציקע יעגער־היטן און גרינלעכע פעדערן אין דער הויך,
די, וואָס מיט טעמפּן גילעכטער שאַרן זיי זיך איצט פאַרביי
מיט אַ ווילד גיקראַקערייַ,
מיט ביקסן און מיט שרויט אין די ווייטע פעלדזן־שפּאַלטן,
צו טויטן יעדן לעבּעדיקן אינד, וואָס איז נאָך אפשר ערגיץ־וואו באַהאַלטן
און צוריקקומען פערמאַכיטע מיט שטויב און מיט שווייס —
אפשר זוכן ביי זיי אַ טרייסט?..

ס־איז פאַרנאַכט —
און די שרויט־מענטשלעך האָבן אַדורכגיאיילט, זיך ווילד צעלאַכט.
זיי לאַכן פון יידן פאַרשאַלטינע, וואָס שטופּן זיך אומיטום נישט גיבעטן,
לאַכן פון אַ ייד, וואָס איז פלוצים משוגע גיוואָרן און זיך גיזעצט
באָרוויס אויף דער שוועל און קוקט אַזוי פאַרצאָגט...
זיי לאַכן... זיי, די קולטור־טרעגער, מישטיינס־גיזאָגט,
די וואַלד־האַקערס, אינדן־טייטער
און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער...

מיט פעדערן אין היטל און אָן אַ האַרץ און ברוסט...
זיי, די דאָזיקע גרין־פעדערדיקע יונקערס זעען אויס,
ווי גיטרייע אייניקלעך פון יענע רוימישע לעגיאָנען,
וואָס האָבן מיט זייער טעמפּ גילעכטער און מיט זייער שרויט
זיך אַריינגיגנבית אין מיין הייליקן הויז
צו זייען פאַרבאַרגונג און טויט...

אין היינטיקן טאָג —
פאַר טויזנט ניין הונדערט ניין־און־אַכציק יאָר —
אין ירושלים.

און די בערג אַרום, אַזעלכע הויכע און אַזעלכע בלאָע,
קוקן אַזוי קאַלט אויף מיר און אַזוי פרעמד און ווייט —
ערשט נעכטן האָב איך אַריינגיקוקט אין זייער אינגיווייד
פון דער נאָנט —
און מיט אַ קאַלטן שוידער צוריקגיקערט.

ס־איז גיווען אַזוי. ס־איז ערשט גיהאַט אויפגיגאַנגען די זון —
נאָך אַ צעשטורימטע אויסגיצוואָגינע נאַכט
און אַ רעגן און אַ שטורים אין די בערג —
איז נישט ווי ביי אונז, אַז ס־רעגנט און שטורימט...
אַ גאַנצע נאַכט האָט בלייאיק גיכלאַפּיט — דין... דין...
גידאַכט און אָן אויפהער — גלייך, ווי דער הימל וואָלט גיווען
אַ גילעכערטע זיפּ
און אַזוי איז גיווען זיין אויסזען, ווייס מיט שוואַרצלעכע שפּאַלטן...
און דער שטורים האָט גיווילדעוועט צווישן בערג און פעלדזן
און דונערן האָבן זיך גיקאַלערט אויבן, אונטן, פון אַלע פאַלדן,
ווי מע וואָלט מיט אַ פעסל דינאַמיט גישפּרענגט די פונדאַמענטן פון אַ וועלט...

און אָט איז דער פרי־מאָרגן נעפלדיק און קאַלט.
אַ ווייסע פאַרע ליגט אויף אַלים —
פאַרדעקט דעם הימל, פאַרדעקט די בערג
און אויף די גאַנצע וועלט איז נישטאָ מער
גאָר רויך און נעפל, וואָס קלעטערן פון אַלע שפּאַלטן,
נעפל און רויך —
ווי אַ גיהנום וואָלט ערגיץ זיין פייערדיקן פּיסק גיעפנט...




ארכיון אסופה
הארכיון היהודי
הודפס מתוך הארכיון היהודי

„ווי אַזוי איז גיבליבן זיצן אַליין די שטאָט פול מיט פאָלק״...
ס-איז דאָס טרויער־ליד, דאָס אייביקע, וואָס קרעכצט און שלוכצט אין מיר אַצינד —

ווי אין אונדז.

בלויז די נאַקעטע ביימער־טרופּיס שאָקלען צו די קעפּ מיט גיוויין —
זיי די קרבנות, פּונקט ווי איך אַליין —
פון מענטשלעכער אַכזריות, גלײַכגילטיקייט און „קולטור״ —
אָפּגימעקט זאָל ווערן איר נאָמען...

און פּלוצים האָט זיך עפּיס אַ שאָטן צוגישאַרט אין מײַן זייט
— אַהאַ, ס-איז דער נאַרישוואַטער דײַטש אין בערדל, דער „גראַפּאָלאָג״ —
וואָס לייענט דאָ רעפערעטן פאַר לײַדיק־גייערס וועגן סודות פון האַנט־שריפט —
און זאָגט רמזים אין ליבעס־בריוולעך מיט אַ פּענסנע אויף דער נאָז,
און לייענט אַרויס פון די האַנט נישט גישטויגענע שטותים —
מיט אַ פאַרוואַסערט קול פון אַן־אַלטן שוטה —
און זײַן פּלונטשע, אַן־אויסגיקוואַרטע דײַטשקע אין אַ היטל...
ביידע זענען זיי איצט אַדורכגיגאַנגען און זיך אָפּגישטעלט.

— יאָ, ער ווייסט כ-בין אַ ייד, וויל ער מיר דערציילן —
אַז ער האָט שוין באַזוכט פּאַלעסטינע... אויסגיוועזן אַ האַלבע וועלט,
יאָ, אַ שיינע מדינה פּאַלעסטינע... שיין זענען די בערג פון ציון און יהודה...
און דאָך שענער זענען די טאַטריס... און די הימאַלאַיען... איר פאַרשטייט...
זײַן פאַרוויאַנעט קול האָט גיכריקעט ווי אַ פאַרזשאַווערטע זעג —
און אין מיר האָט זיך מיטאַמאָל עפּיס אָנגיצונדן.

ס-איז די נאַכט, די היינטיקע אַפּנים, וואָס האָט זיך אין מײַן בלוט דערוועקט אַצינד —
די נאַכט פון טויזנט ניין הונדערט ניין־און־אַכציק יאָר צוריק...

טפוי, וואָס האָט ער זיך עפּיס אַגידערגישטעלט אַ נאַרישער יעקע,
וואָס שעפּט פּרנסה פון לייענען נאַרישע שריפטן פאַר אַ מטבע
און רעדט מיט זײַן פאַרוועלקטן נאַרישוואַטן קול
וועגן ארץ־ישראל — דאָס לאַנד פון מײַן הייליקייט —
מיטן זעלבן ניגון ווי ער דערציילט
וועגן האָנג־קאָנג, טאַטריס און הימאַלאַיען...
הארכיון היהודי
מיטן זעלבן טאָן ווי ער לייענט די נאַרישע רמזים פאַר פאַרליבטע פאָרלעך —
טפוי!

האָב איך זיך אויפגישטעלט אין מײַן גאַנצער הייך —
אָנגילענט אין ביישטידל און מיטן גאַנצן כּוח
גיגעבן אַ שפּיי —
פאַרבײַ —
טפוי!

אַז מײַן דײַטש איז גיבליבן אויסגיצויגן —
ווי אַ טעלעפאָן־שטאַנג צוגינאָגלט און גיגלאַנצט מיט קעלבערנע אויגן...
און אין מײַן בלוט, האָט זיך די נאַכט צוצינדן —
די נאַכט פון ניינטן אָב —
מיט טויזנט ניין־הונדערט ניין־און־אַכציק יאָר צוריק
ארכיון אסופות
אין ירושלים.

די נאַכט, די פינצטערע, וואָס ביזן היינטיקן טאָג —
מיט טויזנט ניין־הונדערט ניין־און־אַכציק יאָר שפּעטער,
יאָגט זי מיך אַלץ נאָך אין די ווייטע פרעמדע בערג.
מיט יענעם ווילדן גיהײַל פון די פּראַים פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט,
אַראָבער הייסן זיי אַצינדערט,
וואָס זענען אַט היינט מקבל פּנים די צוריקגיקערטע זון, אין זייער אַלטע היים —
מיט שרויט און טויט —
אין ירושלים.
און איך האָב גיפליכט —
און איך האָב אויסגיגאָסן אויף זײַן קאָפּ, דעם אויסגיקראָכענעם פליך —
דעם גאַנצן בעכער פון צער און צאָרן —
אַלע קלאָג־לידער וואָס האָבן איצט גישלוכצט אין מיר, גיקרעכצט אין מיר —

דער רויער ווייטיק, די צובליטיקטע גישוויר —
פון אַזויפיל דורי־דורות.
טפוי!

פאַרשטומט זאָל ווערן דײַן מויל דו צעווערינער געצנדינער —
וואָס דײַנע זיידיס האָבן זיך ווילד צו מיר אַרײַנגעריסן,
פאַרשוועכט מײַנע הייליקטימער, פאַרדאַרבן מײַנע מויערן...
היטן דיך צו פאַרשוועכן איצט דעם נאָמען פון מײַנע בערג,
די בערג פון מײַן לאַנד, מײַנע הייליקייטן:
טאַטריס... הימאַלאַיע... טפוי!

וואָס זענען דײַנע בערג — פאַרשאַלטיגער,
שטיקער אַרויסגיקלעטערטע בלאָטע —
וואָס מיט טויזנטער יאָרן צוריק זענען דײַנע עלטער־זיידיס —
דאָרט גיקראָכן אויף אַלע פיר, מיט באַרוויסע פיס —
און בערן־פעל אויפן לײַב —
האָבן זיך גישטאָכן מיט רויע שאַרפע קיזל־שטיינער
און אויפגיפרעסן ביזן ביין...

וואָס איז פון זיי פאַרבליבן מער — דײַנע שטאָלצע פאַטריצער!...
אַט אַזאַלכע זענען גיווען דײַנע עלטערן און אַזעלכע דײַנע בערג...
ווי דערוועגסט זיך מיט דײַן טמא פּיסק,
צו פאַראומווירדיקן מײַנע בערג, ווי אַ יעדער שפּאַן איז גיקענצייכנט —
מיט בלוט און פײַער אין גינגאַלד ביז אייביק —
מײַנע בערג — וואָס אין יענע ווילדע צײַטן פון דײַנע זיידיס —
איז אויף זיי גישטאַנען ישעיהו דער זון פון אָמוץ, אַ נביא פון ג—ט,
און זײַנע רייד זענען ווי שטיקער פעלזן —
גיפאַלן אין ספר פון גישעענישן, פון פעלקער און צײַטן —
„און ס־וועט וואוינען אַ וואָלף מיט אַ ציקעלע צוזאַמען״...
„און אַלע פעלקער וועלן צושטויסן זייערע שפּיזן אויף אַקער־אײַזנס״...
און אַז ס־זענען דעמלט גיקומען דײַנע ווילדע זיידיס
מיט שפּיזן גימאַכט פון אַקער־אײַזנס —
און גיהילטע אין וועלפישע פעל גרייט צו פאַרציקן,
און האָבן ברענדיקע פאַקלען גיוואָרפן אויף מײַנע הייליקטימער —
דעמלט — איז אויף די שפּיצן בערג, מיט צושפּרייטע הענט —
גישטאַנען ירמיהו, אַ זון פון חלקיהו פון ענתות
און זײַן מויל האָט גיוואָרפן שטיקער גאַל און שטיקער בלוט,
„ווי אַזוי איז גיבליבן זיצן אַליין — די שטאָט פול מיט פאָלק —
די וואָס איז גיווען אַ האַריגטע איבער פעלקער — איז גיוואָרן צו צינס״...
און די בערג, מײַנע בערג, האָבן דאָס גיקלאָגערײַ צוטראָגן —
אויף אייביק אַזוי צו זאָגן — קלאָגן, קלאָגן, קלאָגן...
איבערגילאָזט שטיקער אויסגיהוילטע וואונד אין אַ יעדן האַרץ ביז אייביק...

און אויף די אייגענע בערג —
איז גישטאַנען שפּעטער יוחנן דער זון פון זכאי,
און גיקוקט מיט טיפן שפּאָט דײַן זיידן טיטוסן אין פּנים —
טפוי, מיט דײַנע שפּיזן און דײַנע קאַדעקסן —
רוימישער קולטור־פעדלער —
אָפּגימעקט זאָל ווערן דער נאָמען פון דײַן אָדלער מיט פאַנצער און מיט שרויט —
וואָס זייעט אומיטום רק טויט און טויט...

און איצט מיט טויזנט ניין הונדערט ניין־און־אַכציק יאָר שפּעטער —
יאָגט מיך אַלץ נאָך אין די פרעמדע ווייטע בערג —
דאָס ווילדע גיהײַל פון די פּראַים פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט
אַראָבער הייסן זיי אַצינדערט —
דײַנע לײַבלעכע קרובים אַ רוח אין דײַן זיידנס זיידן.
קרובים זענען אַלע וואָס פּרעדיקן די קולטור פון שרויט,
און זענען אַט מקבל פּנים די צוריקגיקערטע זין אין זייער אַלטער היים —
מיט שרויט און טויט —
אין ירושלים.

אפגימעקט זאל ווערן דיין נאמען ביז אייביק.
הימאלאיא... טאטריס... טפוי!
א שפיי.
דערוועג זיך נישט צו רעדן וועגן זיי —
אין איין אטים מיט די בערג פון ציון, מיינע בערג —
טויזנט מאל אפגישייט.
דו נארישער צוגאווערטער הינטישער זון!..."
אזוי האב איך לאנג גיפלוכט, גישפיגן שטיקער גאל און בלוט —
ס"האט פון מיר ארויסגירעט מיין גימיט —
דאס צוואווייטיקטע פון אזויפיל דורי־דורות.
און דאס אייביקע קלאג־ליד פון די נאכט —
די נאכט פון ניינטן אב —
מיט צוריק טויזנט ניין הונדערט ניין-און-אכציק יאר
אין ירושלים.

ג׳

ווען כ״האב זיך שפעטער ארומגיקוקט —
איז שוין קיינער נעבן מיר נישט גישטאנען,
נישט דער צעיורינער דייטש —
וואס ליינט האנטשריפטן און טייטשט נארישע רמזים אין ליבים-בריוולעך,
און נישט זיין ווייב די אויסגיקווארטע דייטשקע אין הויב...

אקיגן מיר איז בלויז גישטאנען א קלארע מאטע לבנה —
אזוי קלאר ליכטיק ווי זי וואלט שפאצירט אין טאל —
און די בערג-שפיצן זענען גיבליבן איינגיהילט אין שווארצקייט ארום,
און ס-איז גיווען שטיל.
בלויז א הונט האט זיך ערגיץ צובילט

און אין טעמפל פון ציוויליזאציע זענען די לעצטע טענער פארשטומט —
און פארשפעטיקטע פא־לעך האבן זיך צווישן בענק גישארט.
און די לופט איז גיווען אזוי דורכזיכטיק —
ווי צוגאסינער קרישטאל...

אנ־עפל בלויז איז גיבליבן שטיין איבער די בערג טויט-פארגליווערט
די באצויברנדיקע נאכט אין די טאטריס.
אבער מיר -- איז אלץ מיטאמאל אויסגיקומען אזוי ווילד-פרעמד.
ס-האבן גיקוקט אויף מיר די בערג, מיט גישוירינע שפיצן
און מיט זייער קאלט אינגיווייד —
מיט די טעמפלין פון ציוויליזאציע וואס אין זיי
וואו מע פארקויפט גלעזלעך טיי
און זופן לופט פאר א גוטע מטבע...
א מעטער אין דער הייך, א פשיטא און א מעטער...

זיי קוקן אויף מיר די בערג מיט אזא פארגליווערטן חוצפה׳דיקן שטאלץ,
אויף מיר — דעם ייד, דעם אייביקן קלאגער,
ווייל איז אונדז!
און אין מיר האט עפיס אויפגיוואכט —
אין מיין בלוט איז איצט גילעגן די נאכט,
די נאכט פון פאר טויזנט ניין הונדערט ניין-און-אכציק יאר,
אין ירושלים.
טפוי, איר שטאלצע בערג — א פלוך אויף אייך!

דעמלט אין יענער נאכט —
ווען אונדזערע גבורים, יונג און אלט —
גיפענטיט הענט און פיס — האבן זיך פון פעלדזן גיווארפן אין אפגרונט,
האבן מיט צובלוטיקטע פינגער צובראכן זייערע הארפיס --
אויפגיהויבן אויסגיקרומטע הענט צו שווערן —
נישט צו שפילן ג-טס ליד אויף פרעמדער ערד...
דעמלט... דעמלט ווען די בערג פון ציון האבן גיגאסן באכן טרערן —
און טויטע קינדער־טרופיס האבן זיך צופרעסינע פון מענטשן גיוואלגערט



אין בלוט און טרערן.
דעמלט... דעמלט זענט איר גישטאנען פונקט אזוי ווי איצט,
איר בערג — שטאלצע טאטרע־בערג —
מיט פאריסענע קעפ אין הימל —
ווי אויסגיצירטע צושמייכלטע זונות
מיט פארגליווערטע אויסגישטרעקטע העלדזער
מיט פארגליווערטע אויגן-אפלין
און נישט גילאזט קיין טרער פאלן...

אזוי ווי איר — קוקט איצט אויף מיר —
מיט די פארגליווערטע קרוינין — מיט בערגלעך אייז און שניי,
אויף מיר — און פון יענים גיפלאגטן פאלק —
דאס אייביקע קלאגער-פאלק — ווייל איז אונדז.

ווינד און וויי —
וואס זיצט איצט בארוויס אויף א שוועל פון אייערס א פארווארפן העק־
און אין זיין צוווייטיקט הארץ אן א ברעג —
ברומען קלאג־לידער, אייביקע גיקלאגעריי —
אויף יענע נאכט פון ניינטן אב
צוריק מיט טויזנט ניין הונדערט ניין־און־אכציק יאר —
אין ירושלים.

---

# איינע א נאכט

זיי גיבענטשט, נאכט, וואס ווערסט דורכגיפלאכטן פון דער לבנה אין כמאריס.

גרויס איז דיין חסד, א דאנק דיר פאר דיין אטים.

בלינד זענין מיר ביי טאג ביי דער שיין פון זון און ביים ליכט פון אונדזער שכל.

צוטיילט איז די וועלט פון אונדזער ראיה און מיר זעען זי נאר חלקים חלקים.

דאס איז גרין און דאס איז א וואנט. און דאס איז א גירוך און יענץ איז בלא און ווייט.

*

צו וואס זענין מיר דעמלט גלייך?

צו א קינד וואס קען די אותיות, נאר ער ווייסט נישט זיי מצרף צו זיין אין ווערטער. און פארשטייט נישט זייער טייטש.

זיי־זשע גיבענטשט, לבנה-ליכט, וואס זייסט דיך דארט דורך די כמארעס.

קלייניקייטן ווערן פארשוואונדן און אליס באקומט איין מראה.

ג—טס וועלט גיסט זיך צוזאמין און ווערט פארכשופט אין סוד פון אחד הייזער שטייען ווייס און דיביימער הוידען אויף זיי פארחלומטע שאטנס.

און די לאנקע פארעט א ווייסן קילן נעפל, וואס ווערט פון אויוון גיזילבערט.

אבער קיין גרעניץ איז נישטא; אלץ איז מיינס און גארנישט באזונדער.

*

הער, ווי ס-האבן זיך איצט צעקוואקיט אין טייך אלע זשאביס אין א כאר פון לעבנס-גיזאנג און חתונה פרייד.

מע דערציילט נאך, אז די חכמים פון די אומות-העולם ווען זיי ווילן וויסן דעם סוד פונם לעבן —

צעשניידן זיי א זשאבע אויף שטיקער, שינדן די הויט, טרייבערן דאס פלייש און טרענין די אדערן.

ווערט דאס באשעפיניש טויט; זיי האבן דאך גימאכט דערפון חלקים.

און דער סוד פון חיות איז דאך אין גרויסן איינס!

א, ארימע חכמים!

קומט און הערט, ווי אלע זשאביס האבן זיך היינט אין טייך צעקוואקיט מיט לעבנס-גיזאנג און חתונה־פרייד!

קווא-קווא, קווא-קווא-קווא!

שמואל נאדלער.



ארכיון אסופות
הארכיון היהודי
הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 11 מתוך 20

# אויף דער שוועל פון עלפטן יאָר

**מיטן** היינטיקן נומער „בית יעקב“ 107 שליסן מיר אָפּ דאָס צענטע יאָר זינט ס׳גייט אַרויס אונדזער שריפט „בית־יעקב“.

שוין דאָס אַליין, וואָס צען יאָר צייט איז אונדז געלונגען, צו קענען אַרויסגעבן די בית־יעקב־בלעטער זאָגט פאַר זיך אַ גאַנץ סך. ס׳איז כמעט אַ זעלטנהייט אין דער געשיכטע פון אַלגעמיינעם יידישן פרעסע־וועזן אַ צען־יאָריקער קיום פון אַ פער־יאָדישער שריפט, און אינעם אָרטאָדאָקסישן וועלט איז עס טאַקע דער ערשטער און איינציקער פאַל.

הונדערט זיבן נומערן „בית־יעקב“ איז די איינציקע זאַמלונג פון די בעסטע ליטעראַרישע שאַפונגען פון אָרטאָדאָקסישן שרייבער, זינט ס׳זענען בכלל טעטיק אָרטאָדאָקסישע שרייבער אין יידיש.

פאַר די צען יאָר, וואָס מיר שטייען אויף אונדזער משמר איז די באַוועגונג „בית־יעקב“ געוואַקסן פון דריי שולן אויף העכער צוויי הונדערט פופציק, די אָרגאַניזאַציע „בנות“ פון גאָרנישט אויף צוויי הונדערט אָפּטיילונגען. וואָס אונדזער שריפט האָט צו דעם אַלעם בייגעטראָגן ווייס דער אָרטאָדאָקסישער עולם אויסגעצייכנט.

כמעט אַלץ וואָס האָט זיך געשאַפן און אַנטוויקלט אין דעם רעליגיעזן יידישן פרויען־לעבן איז אַרויסגעגאַנגען פון אונדזער איניציאַטיוו און ביי אונדזער מיטווירקונג.

מיר האָבן תמיד געגעבן דעם טאָן, דערפינדן דעם געדאַנק, געוואָרפן די לאָזונג, געלאָזט הערן דעם רוף צו אַלץ וואָס ס׳איז ביים היינטיקן טאָג שוין רעאַל און אויסגעפירט אינעם יידישן רעליגיעזן פרויען־לעבן.

אויפן עלפטן יאָר וועלן מיר בעזרת השם אַרויסגעבן די בית־יעקב בלעטער מיט פאַרשטאַרקטערע ליטעראַרישע כוחות. די צען יאָר אַרבעט באַטראַכטן מיר נאָר פאַר אַ שטיקל התחלה און אויפן עלפטן יאָר גייען מיר אַריין אין דער אַרבעט מיט נייע און אָפּגעפרישטע כוחות.

די שולן און די בנות־גרופּעס מחזק צו זיין אידעאיש, פאַכמעניש און אָרגאַניזאַטאָריש אין דער יעצטיקער תהו־ובהו צייט, וועט זיין אויך אויף להבא איינע פון די עיקר־אויפגאַבן פון אונדזער שריפט. מיר וועלן מיט אַ גרעסערער שפע ווייטער געבן דעם צושטייער פון דערציערישן און באַלערנדן מאַטעריאַל אונדזער לערערשאַפט און פירערשאַפט.

ארכיון אסופות

דערביי וועט אָבער אויך גאָר נישט געמינערט ווערן פונים תוכן פון דער שריפט אַלס ליטעראַרישע און פובליציסטישע. צו אַלע געשעענישן אינעם יידישן לעבן וועלן מיר ווייטער תמיד אַרויסזאָגן אונדזער שטעלונג, די ריין־יידישע שטעלונג און אַזוי אויך אינעם אגודה־לעבן וועלן מיר ווייטער לאָזן הערן אונדזער שטים, די ריין־אגודיסטישע שטים. ליטעראַריש, וועלן מיר ווייטער קלויבן און זאַמלען די בעסטע נאָוועלע, די שענסטע דערציילונג, דאָס פיינסטע ליד און די חשובסטע שאַפונג פונים רעליגיעזן שרייבער, כדי דערמיט צו הייבן דעם ליטעראַרישן ניוואָ פון די בית־יעקב־בלעטער.

און אַצינד, צו אייך אַלע, וואָס איר ווילט זען דעם ווייטערן אויפשטייג פון אונדזערע בלעטער סיי בכמות סיי באיכות גייט דער רוף:

## אַבאָנירט בית־יעקב־זשורנאַל אויפן יאָר תרצ״ד

וואַרבירט ביי אייערע פריינט און באַקאַנטע נייע אַבאָנענטן! זאָל אין יעדער יידישער שטוב אַריינקומען די בית־יעקב־שריפט!

דער בעסטער פריינט און געטרייעסטער מיטהעלפער זענט איר ווען איר אַבאָנירט אויף אַ גאַנץ יאָר און איר צאָלט איין 7 גילדן מיטאַמאָל!

אין דער יעצטיקער גורל־שעה פון יידישן רעליגיעזן כלל איז דאָס שטאַרקסטע כלי־זיין, וואָס שיצט בית־יעקב דאָס געדרוקטע אמת־יידישע וואָרט.

* * *



# דער קומענדיקער נומער בית־יעקב

## זשורנאַל פון עלפטן יאָר

וועט זיין פול מיט אַ שפּעדיק ליטעראַריש מאַטעריאַל לכבוד דעם פופציקסטן געבוירן יאָר פון שרה שענירער!

## 80 גרויסע עמודים

וועט אַנטהאַלטן אַט דאָס דאָזיקע רייכע העפט „בית־יעקב“ נומער 108. עס וועלן זיך באַטייליקן די חשובסטע אָרטאָדאָקסישע שריפטשטעלער וואָס וועלן געבן אַ געקליבענעם צושטייער פון זייערע ליטעראַרישע אַרבעטן.

## דער שענירער־נומער

וועט זיך באַזונדער פאַרנעמען מיט בית־יעקב־לעבן, שולן און בנות־אידעען און בכלל מיט פּראָבלעמען פון יידישן רעליגיעזן פרויען־לעבן.

## זכרונות

אַ חשוב אָרט וועט אָפּגעבן דער גרויסער שענירער־נומער לערערנס און טוערנס וואָס וועלן דערציילן זייערע איבערלעבענישן ביים לערנען, צוזאַמען־זיין, צוזאַמען־אַרבעט מיט פרוי שענירער.

## אויף ראש־השנה וועט דער נום. פונאַנדערגעשיקט ווערן

אַלע מאַטעריאַלן מוזן שפּעטסטנס זיך געפינען ביי אונדז כ׳ אלול.

## גראַטולאַציעס און לשנה־טובה־אַנאָנסן

ווערן שוין אָנגענומען. ביז 20 ווערטער קאָסט אַן אַנאָנס 2 גילדן, פאַר יעדערן ווייטערן וואָרט נאָר 10 גראָשן. אַן אונטערשריפט אונטער אַן אַלגעמיינעם טעקסט קאָסט נאָר 50 גראָשן.

אַנאָנסן שיקט נאָר דורך אַ פּאָסט־טשעק און אויפן אָפּשניט שרייבט אויף דעם טעקסט!

אין יעדער יידישער שטוב דאַרף זיך געפינען
דאָס באַרימטע בוך פון שמואל נאַדלער

# בעש״ט־סימפאָניע

**אינהאַלט:**

פאָרוואָרט. קאַרפּאַטן: די זאַלבונג. איוואַן קאַרמוק. די סוכה. תפלות. דער פּאַסטוך. שפּיל־זשע מיין פּאַסטוכל... גראָזן. דער אָדלער און די טויבן. התגלות. אַ שמועס מיט איוואַנען. איוואַן קאַרמוק 2. און ווען דער הייליקער בעש״ט איז געגאַנגען אַ רקידה... אַזוי האָט געזאָגט דער בעש״ט: * * * ווידוי. תפלה. תשעה באָב. אַ דין־תורה מיט כביכול. מוז זיין... אַז... 1. אַז... 2. אַז... 3. דער אויסגעלייטערטער. דורות האָבן געלערנט. צווישן תלמידים: דער רב און דער שמש. אַקעגן דער זון. אַ מעשה נורא. איינע אַ נאַכט. די חתונה אין קרעטשמע. נעילה. ער איז דער פרעמדער. און ס׳איז געווען ווען דער שפּילער האָט געשפּילט. בעלז.

פרייז 3.60 פּאָרטאָ 30 גר. פאַר אויסל. מיט פּאָרטאָ אַ האַלבן דאָל.

**צו באַקומען אין אונדזער אַדמיניסטראַציע**

געלט שיקן: P. K. O. 67.795



הודפס מתוך הארכיון היהודי

